**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו באשיצן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט פון שווינדל**

***ביל S.6088/A.4023-A פאדערט געשעפטן וואס נעמען אן 'עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער' קארטלעך צו ווארענען קונדן איבער 'סקימינג' און וויאזוי זיי קענען זיך באהיטן פון די פראקטיק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן ביל S.6088/A.4023-A צו באשיצן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט פון שווינדל דורכן פאדערן אז געשעפטן וואס נעמען אן עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (electronic benefit transfer, EBT) קארטלעך זאלן ווארענען זייערע קונדן איבער 'סקימינג'. 'סקימינג' געשעהט ווען א שווינדלער אינסטאלירט א מאשינדל אויף די מאשין וואס לייענט די קארטלעך אין א געשעפט און נעמט אראפ די אינפארמאציע און פין נומער פון דעם קארט אייגנטומער, ערלויבנדיג דעם שווינדלער צו אויסנוצן דעם קורבן'ס בענעפיטן. דורכן פארמערן די באקאנטשאפט מיט 'סקימינג', וועט די ביל העלפן צוריקהאלטן ניו יארקער פון פאלן א קורבן צו די פראקטיק און פארלירן זייערע SNAP בענעפיטן אדער קעש הילף.

"פון בעיבי פארמולע ביז פרישע עסנווארג — נוצן ניו יארקער זייערע EBT קארטלעך צו דעקן די קאסטן פון וועזנטליכע פראדוקטן צו זיכער מאכן אז זייערע פאמיליעס זענען געפיטערט און געזונט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר נעמען אונטער שריט צו באשיצן ניו יארקער פון שווינדלער וועלכע גנב'נען געלט ארויס פון זייערע קעשענעס דורכן זיכער מאכן אז קונדן זענען אויפמערקזאם איבער 'סקימינג' און אז זיי ווייסן וויאזוי זיך צו באהיטן פון פאלן א קורבן."

פילע ניו יארקער ווייסן נישט איבער 'סקימינג' ביז עס איז צו שפעט. איינמאל א שווינדלער גנב'ט א מענטשן'ס קארטל אינפארמאציע און פין נומער, האבן זיי די מעגליכקייט צו אויסנוצן דעם קורבן'ס בענעפיטן. ביילל S.6088/A.4023-A העלפט באשיצן קונדן דורכן פאדערן ביזנעסער וועלכע נעמען אן EBT קארטלעך צו לייגן א שילד ביי די קאסירער מיט א מעלדונג צו אויפמערקזאם מאכן קונדן איבער די פראקטיק. אין צוגאב פאדערט די ביל אז די מעלדונג זאל אריינרעכענען שריט וואס קונדן קענען נעמען זיך צו באהיטן און צו היטן אויף אנדערע מיטלען.

**סטעיט סענאטאר דזשאן סי. לו האט געזאגט,** "EBT סקימינג איז א וואקסנדע פראבלעם אריבער די סטעיט וואס מוז אדרעסירט ווערן ביי די פלאץ וואו די געשעפטן ווערן געמאכט כדי צו בעסער באשיצן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט וועלכע פארלאזן זיך אויף די בענעפיט צו פיטערן זייערע פאמיליעס. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די וויכטיגע ביל אין געזעץ און פאר אסעמבליפרוי ראָוזיק פארן קעמפן פאר די אונטערנעמונג אין די אסעמבלי און פארן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען זיין 'באוואפנט' ווי עס דארף צו זיין מיט די אינפארמאציע וואס זיי דארפן צו האלטן זיך און זייערע פאמיליעס זיכער."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק האט געזאגט,** "יעדן טאג זענען מער ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט אין סכנה פון באגנב'עט ווערן פון זייערע SNAP בענעפיטן אן קיין וועג אויף צוריק. דאס איז די סיבה פארוואס עס איז אזוי וויכטיג צו פארמערן באקאנטשאפט און צושטעלן שוץ מאסנאמען פאר די קונדן וועלכע פארלאזן זיך אויף זייערע EBT קארטלעך צו העלפן שטעלן עסנווארג אויף זייער טיש. איך באדאנק סענאטאר לוּ פארן מידלאזערהייט שתדל'ן פאר די אנגעלעגנהייט, און גאווערנער האקול — פארן ארײנשרייבן די וויכטיגע ביל אין געזעץ."

ניו יארקער וועלכע האבן געהאט זייערע SNAP אדער פובליק הילף בענעפיטן געגנב'ט עלעקטראניש קענען אויספילן א פשוט'ע אפליקאציע אז די בענעפיטן זאלן ערזעצט ווערן. אלע EBT קארטל אייגנטימער זאלן אבער בלייבן וואכזאם איבער די שווינדלערייען און אונטערנעמען די פונדאמענטאלע שוץ מאסנאמען זיך צו אליין באהיטן, ארייננרעכענענדיג פארזיכטיג איבערקוקן מאשינען ביי די קאסירער, רעגלמעסיג טוישן זייער PIN און אפט איבערקוקן די היסטאריע פון געשעפטן אויף זייער קארטל.

סיי ווער וואס איז באגנב'ט געווארן פון זייערע בענעפיטן זאל זיך באלד פארבינדן מיט די EBT קאסטומער סערוויס הילף ליניע צו באריכטן אז זייער קארטל איז געגנבה'ט און פארלאנגען אן ערזעצונג EBT קארטל. ניו יארקער קענען זיך פארבינדן מיט די הילף האטליין דורכן:

- o רופן 1-888-328-6399;
- o באזוכן [ConnectEBT]; אדער
- o נוצן די ConnectEBT טעלאפן עפּ.

נאכן באריכטן אז זייער EBT קארטל איז געגנבה'ט און פארלאנגען אן ערזעצונג קארטל, קענען ניו יארקער באקומען מער אינפארמאציע איבערן אפּלייען פאר ערזעצנדע בענעפיטן [דא]. באַרעכטיגטע מענטשן וועלן באקומען אדער די געגנבה'טע סומע אדער טאפלט פון די פולע חודש'ליכע סומע וואס זיי האבן באקומען אין דעם חודש בעפאר די בענעפיטן זענען געגנב'ט געווארן — די קלענערע צווישן די צוויי סומעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן